בעזרת השם יתברך

# די וואך אין אונזער שולע

פרשת תולדות לערן וועבערמאן

## געלערנט די וואך

- יצחק מיט רבקה בעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן האבן קינדער.
- יעקב לערנט די הייליגע תורה.
- עשיו גייט אין וואלד פאנגען חיות.
- עשיו פארקויפט די בכורה פאר די לינזן.
- יצחק וויל בענטשן עשיו.
- רבקה הייסט פאר יעקב זיך פארשטעלן כדי ער זאל באקומען די ברכות.
- יעקב גייט ארויס, עשיו קומט אריין.
- עשיו וויל הרג'ענען יעקב.
- יעקב אנטלויפט קיין חרן.

# געזונגען אין שולע



א צווילינג איז געבוירן נישט איינע נאר צוויי,
יעקב און עשיו צענען זיי.
עשיו האט געשאסן חיות אין וואלד,
ווען רבקה הייסט אים לערנען האט ער געשריגן באלד.
געדרייט אין וואלד האט ער זיך אהין און אהער,
דערפאר איז תובה לערנען געווען פאר אים צו שווער.
יעקב איז אלעמאל געגאנגען שנעל אין שול,
געדאווענט און געלערנט מיט גרויס געפיל.
דעם אייבערשטנ׳ס רצון האט ער אלעמאל געטון,
דערפאר האט ער באקומען אזעלכע טייערע זין.

# געלערנט קאליר:



ליל





# א מעשה פון א צדיק

## אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן

אָהָהָהָ קוּק... דִי פֵייגְל אִיז
טוֹיט...!

פִּינְקְט וֶוען דֶער בַּעַל
עֲגָלָה הָאט אוֹיפְגֶעהוֹי
בְּן דִי רוּט צוּ שְׁמַייסְן דִי
פֶערְד - אִיז דָאס פֵייגְל אַרִי
בֶּערְגֶעפְלוֹיגְן אוּן גֶעכַאפְּט
אַ שְׁמַייס פוּנֶעם רוּט אוּן
אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן טוֹיט...
אַזוֹי אִינְטֶערֶעסַאנְט...

דִי מַעֲשֶׂה הָאט
פַּאסִירְט וֶוען דֶער
הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי נָח
וּם פוּן טְשֶׁערְנָאבְּל זְכוּ
תוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַמָאל
גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן קַיין
מֶעזִיבּוּזְשׁ צוּם צִיוּן פוּן
זַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי, דֶער
הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב
זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

דֶער צַדִיק וֵויינְט בַּיים
קֵבֶר פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹ
ב, עֶר בֶּעט דֶעם אֵיי
בֶּערְשְׁטְן פַאר אִידִישֶׁע
קִינְדֶער, אַלֶע אִידְן זָאלְן
הָאבְּן פַּרְנָסָה, אַלֶע אִידְן
זָאלְן זַיין גֶעזוּנְט אוּן הָא
בְּן יְשׁוּעוֹת. דֶער קֵבֶר פוּ
ן בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז זֵייעֶר
הֵיילִיג, עֶס קוּמֶען אַהִין
זֵייעֶר אַסַאךְ אִידְן מִתְפַּלֵל
זַיין.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער
צַדִיק רֶבִּי נָחוּם טְשֶׁערְנָא
בְּלֶער אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן
וָואגְן אַהֵיים צוּ פָארְן אִיז
דֶער רֶבִּי גֶעשְׁטַאנֶען פוּ
ן דֶער זַייט אוּן גֶעקוּקְט
אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן צַדִיק, אוּ
ן אִין דִי מִינוּט וָואס דֶער
בַּעַל עֲגָלָה הָאט אוֹיפְגֶעהוֹ
יבְּן דִי רוּט צוּ שְׁמַייסְן דִי
פֶערְד - אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפְלוֹ
יגְן אַ פֵייגְל, עֶס הָאט גֶעכַא
פְּט דֶעם שְׁמַייס אוּן אִיז
אַרָאפְּגֶעפַאלְן טוֹיט, דֶער
הֵיילִיגֶער רֶבִּי רוּפְט זִיךְ אָן
הוֹיךְ: "עֶס אִיז אִים גֶעקוּ



מֶען".

וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי נָחוּ
ם מִטְשֶׁערְנָאבְּל הָאט דָאס
גֶעהֶערְט אִיז אִים דָאס
זֵייעֶר גֶעפָאלְן, אוּן עֶר
הָאט גֶעזָאגְט דָאס וָואס
שְׁטֵייט אִין פָּסוּק אוֹיף דָוִד
הַמֶלֶךְ: "יְפֵה עֵינַיִם", עֶר
הָאט גֶעהַאט שֵׁיינֶע אוֹיגְן,
"וְטוֹב רֹאִי", אוּן אַ גוּטֶע א
וֹיסְזֶען, דָאס אִיז גֶעזָאגְט
גֶעוָוארְן אוֹיף דֶעם קִינְד,
וַוייל עֶר זֶעט גוּט; וַוייל
דִי פֵייגְל אִיז גֶעוֶוען אַ גִלְגוּ
ל פוּן אַ נְשָׁמָה וָואס הָאט
יֶעצְט בַּאקוּמֶען אִיר תִּקוּן.

פוּן דִי מַעֲשֶׂה זֶעעֶן מִיר
אַז יֶעדֶע זַאךְ הָאט אַ חֶשְׁבּוֹ
ן, קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט
נִישְׁט נָאר אוֹיבּ דָאס אִיז
אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל עֶס
זָאל אַזוֹי פַּאסִירְן, אוּן דֶער
הֵיילִיגֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן
עָלֵינוּ, וֶוען עֶר אִיז
נָאךְ גֶעוֶוען אַ קְלֵיין
קִינְד - הָאט עֶר שׁוֹ
ין גֶעזֶען וָואס טוּט
זִיךְ מִיט נְשָׁמוֹת אוּן
גִלְגוּלִים.

אַזוֹי אוֹיךְ מִיר,
אַפִילוּ מִיר זֶעעֶן נִי
שְׁט דִי זַאכְן, אָבֶּער
מִיר דַארְפְן הָאבְּן
אַ שְׁטַארְקֶע אֶמ
וּנָה צוּ גְלֵייבְּן אוּ
ן פַארְשְׁטֵיין, אַזוֹ
י וִוי דִי פֵייגְל הָאט
גֶעכַאפְּט אַ שְׁמַייס
אוּן גֶעשְׁטָארְבְּן - אִיז דָאס
אִיר גֶעקוּמֶען, אַזוֹי אוֹיךְ
יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט
- הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן מִיר
זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט הָא
בְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹיפְ'ן אֵיי
בֶּערְשְׁטְן.

אַלֶע קִינְדֶער זִינְגֶען
אִינְאֵיינֶעם: "בַּאשֶׁעפֶער
אִיךְ בֶּעט דִיר, אִיךְ זָאל אֵיי
בִּיג נָאר גֵיין צוּ דִיר, אוּן נִי
שְׁט הָאבְּן קַיין קֻשְׁיוֹת אוֹ

# מעשיות פון תפילה

בס״ד

**רבקה לווינזון** - איך בין געגאנגען אין שערי רווחה איך האב געבעטן דער אייבערשטער ס'זאל קומען שנעל א אוטובוס, ש'כח אייבערשטער ס'איז געקומען שנעל א באס.

**רוחמה פייגא פערל** - איך בין געגאנגען אין גאס און איך זעה אונטער מיר א אראבער מיט א גרויסע אייזן, איך האב געבעטן דער אייבערשטער ער זאל מיר גארנישט טון, ש'כח אייבערשטער ער איז אוועקגעגאנגען.

**הענדי פערל** - איך האב געבעטן דער אייבערשטער איך זאל קענען בויען א וועגאלע פון קליקס, ש'כח אייבערשטער איך האב געקענט.

**אילה לווינזון** - אונז האבן געווארט אויף א אוטובוס איך האב געבעטן דער אייבערשטער ס'זאל קומען א אוטובוס וואס מען קען ארויפגיין פון אלע טירן, ש'כח אייבערשטער ס'איז געקומען א גוטע אוטובוס, וואס אלע טירן עפנט זיך.

**שרה בריל** - איך האב געבעטן דער אייבערשטער איך זאל האבן די זעלבע צאל צוקערלעך ווי מיין חבר'טע, ש'כח אייבערשטער אונז האבן באקומען די זעלבע.

**חוה לאה פערל** - אונז האבן געהאט א טעלעפאון זיך צו שפילן און ס'האט זיך צובראכן, איך האב געבעטן דער אייבערשטער מען זאל עס פארעכטן, ש'כח אייבערשטער מ'האט עס געקענט פארעכטן.

**ליבי בריל** - איך האט געבעטן דער אייבערשטער אז איך זאל קענען אנטון די קלייד מיט די פסים, ש'כח אייבערשטער איך האב עס געקענט אנטון.

**דבורי לווינזון** -איך האב געבעטן דער אייבערשטער איך זאל האבן א גאנצע מאנטל, ש'כח אייבערשטער איך האב באקומען א גאנצע מאנטל.

**נחמי בריל** - איך האב געבעטן דער אייבערשטער ס'זאל זיין סיריעל מיט מילאך, ש'כח אייבערשטער מען האט שוין געקויפט סיריעל מיט מילאך.